# דרײַ טעכטערלעך

## מרדכי געבירטיג

װען מיט מזל, געזונט און לעבן
ס׳עלצטע טעכטערל מיר װעלן אויסגעבן
װעל איך טאַנצן מיר האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ
װעל איך טאַנצן, אוי, װעל איך טאַנצן,
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ

שפּילט קלעזמאָרים, שפּילט מיט לעבן
ס׳ערשטע טעכטערל הײַנט אויסגעגעבן
נאָך געבליבן אונדז מיידלעך צוויי
װי האַלט מען שוין בײַ זיי?
שפּילט, קלעזמאָרים, אוי, נעמט די כּלי-זיין
זאָל די גאַנצע װעלט מיט אונדז זיך פֿרייען,
אונדזער שׂימחה װייסט נאָר איין גאָט
און דער װאָס טעכטער האָט

װען כ׳װעל זען דאָס צװייטע מיידל
אָנגעטאָן אין װײַסן חופּה קליידל
װעל איך טרינקען, אַ טענצל גיין
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין
װעל איך טרינקען, אוי, װעל איך טרינקען,
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין

שפּילט קלעזמאָרים, הייבט אָן שנײַדן!
ס׳צװייטע מיידל גיבן מיר אויס אין פֿריידן
דאָס מיזיניקל געבליבן מיר,
װי האַלט מען שוין בײַ איר?
שפּילט קלעזמאָרים, פֿאַר אונדז מחותּנים
זאָלן נחת האָבן אויך קבצנים
אַ קינד אויסגעגעבן, אוי, גאָטעניו
אַ מיידל נאָך דערצו

ווען בײַם לעצטן כ׳וועל שפּילן הערן
וועל איך עפּעס טרויעריק שטיין און קלערן,
ס׳לעצטע טעכטערל שוין אויך אַוועק,
און וואָס איז נאָך דער צוועק?
אוי, ס׳לעצטע טעכטערל, אוי, ס׳לעצטע טעכטערל,
און וואָס איז נאָך דער צוועק?

שפּילט, קלעזמאָרים, באַזעצט די כלה,
צוגענומען אונדז די קינדער אַלע,
דרײַ טעכטער איז אַ שווערער יאָך,
נאָר אָן זיי איז שווערער נאָך.
שפּילט, קלעזמאָרים, אַרויס מיט טרערן
ס׳לעצטע בעטל וועט הײַנט ליידיק ווערן,
ס׳גאַנצע שטיבל, איר קליידערשאַנק;
אוי וויי, ווי פּוסט און באַנג.